- נערך באידיש -

בס"ד

# יקרא דמלכא

## שיחות התחזקות והתעלות

שנאמרו ע"י

**כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

## לבחורי חמד

### אהבת רבה אהבתנו

שיחה הכנה לחג השבועות


יו"ל ע"י

**מכון שפה ברורה**

**שע"י חסידי קאסוב**

חג השבועות שנת תשפ"ג לפ"ק

- גליון כז -

# הוצאת עריכת והו"ל של הגליון

נתנדב ע"י ידידינו היקר שביקרים, מופלא ומופלג בכל המעלות
ובעל מידות תרומיות ומוזהבות,

## הרוצה בעילום שמו

לעילוי נשמת

הרה"ח מו"ה **משה יהודה** בן **צבי** ע"ה

וזוגתו מרת **חוה** בת **שמואל** ע"ה

מרת **לאה** בת **יקותיאל יהודה** ע"ה

והרה"ח מו"ה **אברהם אהרן** בן **מנחם מענדל** ע"ה

זכות הפצת הני דברי תורתו של כ"ק אדמו"ר שליט"א יגן בעדיו שיתברך בכל מעשי ידיו
בשפע ברכה והצלחה בכל עסקיו, וימצא חן וחסד בעיני אלקים ואנשים בכל חפציו
מתוך עושר ואושר כל ימי חייו

וע"י ידידנו היקר שביקרים העומד לימינינו בכל עת ועונה

## הרוצה בעילום שמו

## לזכות רפואתו השלימה והמהירה של

## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

הלימוד בגליון הלז

**יהיה לזכות רפואתו השלימה והמהירה של**

## מרן רבינו שרגא פייביש בן מלכה שליט"א

בתוך שאר חולי ישראל

**כל הזכויות שמורות**

להערות והארות או לקבל הגליון מדי שבוע בשבוע ע"י e-mail
יש לפנות להמערכת
במס' 917-686-5892
או אל toraskosov@gmail.com

נערך ונסדר ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# אהבת רבה אהבתנו

**שיחה הכנה לחג השבועות**

בישיבת נייפעסט, יום ה' פרשת במדבר שנת תשע"ט לפ"ק

## דער יו"ט שבועות

בעצם ווען עס קומט זיך צו גרייטן פאר דער יום טוב שבועות, דער יום טוב פון קבלת התורה, איז לכאורה די לעצטע פלאץ וואו מען דארף גיין איז אין א 'ישיבה'. א ישיבה איז א פלאץ ווי בחורי קודש זיצן און לערנען תורה די גאנצע יאר בתמידיות, זיי זענען מקבל די תורה יעדן טאג פון פריש, און זענען זיך ממית באהלה של תורה, זיי לעבן דאך די קבלת התורה במשך די גאנצע יאר.

עס וואלט אפשר געווען מער פאסיג צו רעדן פאר די גאס, פאר די אידן וואס האט נישט די זכי' זיך צו געפונען שטענדיג בין כותלי בית המדרש, און פאר זיי וואלט מען געדארפט מחדש און מעורר זיין די ענין פון קבלת התורה, וואס מען איז מקבל יעדן יאר אינעם יום טוב שבועות.

און ווען עס קומט צו בחורי קודש, וואלט מען אפשר געקענט זאגן אז די ענין העבודה פונעם יו"ט שבועות איז א בחינה פון 'שמחת תורה', מען פריידט זיך מיט די תורה, עס איז א טאג וואס מען איז בשמחה מיט די תורה וואס מען לערנט די גאנצע יאר, אבער פון די ספרים הק' זעט מען אז די עבודה פון שבועות איז נישט די זעלבע עבודה פון שמחת תורה, ווי מען פריידט מיט די תורה און מיט דעם וואס אונז האבן די זכיה צו זיין פון די לומדי תורה ויושבי אהל.

די עבודה פון שבועות איז אז עס זאל ארויסקומען פאר אונז א תועלת, מען זאל זוכה זיין צו קונה זיין פון די מעמד קבלת התורה וואס דער אויבערשטער האט דעמאלטס געגעבן די תורה פאר כלל ישראל, און געגעבן די כח פאר אונז נשמת ישראל צו מקבל זיין השגות התורה, און דאס האט א ספעציעלע שייכות און באזונדערע עבודה פאר ענק - בחורי קודש - אזוי ווי מען וועט בס"ד ערקלערן.

## עולם התורה - עולם התענוג

צוערשט דארף מען וויסן, ווען עס קומט די יו"ט פון קבלת התורה, איז די פאסיגע צייט זיך צו מתבונן זיין און מאכן א חשבון הנפש און אנערקענען וויפיל מען איז געשטיגן אין די צייט אין לימוד והבנת התורה, מען טראכט צוריק ווי אזוי מען האט אויסגעזען א יאר צוריק, און ווי אזוי מען זעט אויס יעצט, מען מאכט א חשבון וויפיל מען איז געשטיגן אין תורה, וויפיל מען האט זיך געטוישט אין לויף פון די חדשים, און מען זעהט אז מען איז ב"ה ובסייעתא דשמיא נתהפך געווארן לאיש אחר ממש.

די חידושים וואס מען האט מחדש געווען עטליכע חדשים צוריק, איז נישט קיין פארגלייך צו די חידושים וואס מען איז זוכה צו מחדש יעצט ווען מען לערנט אפ א שטיקל גמרא, די קאפ איז געווארן ברייטער, מען פארשטייט בעסער א סברה. מען קען שוין פארשטיין נאך טיפער א שטיקל גמרא, מען קען בעסער פארשטיין און אפלערנען א שטיקל רשב"א, און יעדעס יאר וואס גייט פארביי שטייגט מען מער אין הבנת און ידיעת התורה.

> **"יו"ט שבועות איז א צייט וואס מען דארף אפגעבן א שבח והודי' פארן אויבערשטער אז מען האט זוכה געווען צו שטייגן און נתעלה ווערן בתורה ובעבודה"**

פארדעם איז פשוט, אז יו"ט שבועות איז א צייט וואס מען דארף אפגעבן א שבח והודי' פארן אויבערשטער אז מען האט זוכה געווען צו שטייגן און נתעלה ווערן בתורה, בפרט ענק - טייערע בחורי

קודש - וואס זענען זוכה צו זיצן בין כותלי הישיבה און פארשאפן די גרעסטע תענוג און נחת רוח פארן אויבערשטער, מען איז זוכה צו זיין דבוק בתורת ה', און עוסק זיין אין די חשוב'סטע זאך אויפן וועלט.

## אהבה רבה אהבתנו

עס איז ידוע דאס וואס דער הייליגער 'תולדות יעקב יוסף' וואס ער ברענגט פונעם בעל שם טוב הק'[א], אז מען האט אים מגלה געווען פון הימל אז די סיבה פארוואס משיח קומט נאכנישט, איז וויבאלד מען איז נישט מאריך ביי אהבה רבה.

לכאורה דארף מען פארשטיין פשט, וואס איז די אהבה רבה? וואס די גרויסע אהבה וואס דער אויבערשטער האט ליב כלל ישראל, אזוי ווי מען זאגט ווייטער די ווערטער 'חמלה גדולה ויתירה חמלת עלינו', וועלכע קשר פון אהבה האבן אונז צום אויבערשטן?

להבדיל ווען עס קומט צו די אהבה צווישן מענטשן, פארשטייט מען אז עס איז דא געוויסע מענטשן וואס פארשטיין זיך בעסער איינע מיט די אנדערע, עס ווענד זיך לויט די נאטורן און תכונת הנפש, וואס לויט דעם קען געבויעט ווערן א קשר און אהבה צווישן צוויי מענטשן.

אבער ווען עס קומט צו די אהבה פונעם אויבערשטן צו אונז, וועלכע קשר האבן אונז צום אויבערשטן, אז דער אויבערשטער זאל אונז אזוי ליב האבן, און אויף וואס איז געבויעט די אהבה וואס אונז האבן צום אויבערשטן?

פארשטייט יעדער איינער אז די אהבה פון אונז צום אויבערשטן און פון אויבערשטן צו אונז איז אן אנדערע מין אהבה ווי די אהבה צווישן צוויי חברים, און דאס איז בעצם אן אריכות גדול אבער די נקודה הנוגע לענינינו איז אז אונזער אהבת ה' ווערט געבויעט דורך אונזער יגיעה

---

א ראה בתולדות יעקב יוסף (פרשת וארא) שהביא משמי' דהבעש"ט הק', וזלש"ק, 'וכמו ששמעתי בשם מורי מה שנאמר לו משמים טעם איחור ביאת משיח שאין מאריכין באהבה רבה', עכלה"ק, ועיי"ש עוד מש"כ בזה.

**"דורכדעם וואס מען זיצט און מען לערנט, דאס איז די איינציגסטע זאך וואס האלט אונז אויפן וועלט, און פארשאפט א תענוג פארן אויבערשטן"**

וואס אונז זענען זיך מייגע אין תורה, אונזער השתוקקות און רצון נענטער צו ווערן צום אויבערשטן.

דער אויבערשטער האט געגוג מלאכים און שרפים, וואס זענען דבוק אינעם אויבערשטן און האבן נישט קיין שום שוועריקייטן צו טון די רצון ה', אבער דאס איז נישט וואס פארשאפט א תענוג און נחת רוח פארן אויבערשטער.

דער אויבערשטער האט אונז באשאפן פאר איין איינציגע סיבה, כדי אים צו פארשאפן א תענוג און נחת רוח, און דורכדעם וואס מען זיצט און מען לערנט, דאס איז די איינציגסטע זאך וואס האלט אונז אויפן וועלט און פארשאפט א תענוג פארן אויבערשטן[ב].

ווען מען וועט פרעגן א בחור: "פארוואס לערנסטו?" וועט ער ענטפערן: "ווייל דער אויבערשטער האט געהייסן!", ער האט נישט קיין אנדערע סיבה אויפן וועלט, דאס איז די סיבה פארוואס ער שטרענגט זיך אן, דאס איז די סיבה פארוואס ער איז זיך מתגבר אויף זיינע נסיונות צו קענען לערנען, ווייל דער אויבערשטער האט געהייסן.

ווען א בחור איז זיך מפקיר אינגאנצן פארן אויבערשטער, ער געבט זיך אינגאנצן אוועק צו לערנען תורת ה', און דורך די תורה וואס ער לערנט גייט ער אריין 'בעומק מחשבתו של הקב"ה', איז נישט פארהאן

---

ב אזוי ווי עס שטייט אין ספרי (אסתר ו, א), 'אמרה כל פמליא שלו לפניו, רבונו של עולם לא בראת העולם אלא בשביל תורה שנתת לישראל, והכל עומד בזכותן של ישראל, שנאמר (ירמיה לג, כה),אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי'. וכן איתא במדרש (פסיקתא רבתי, פיסקא כ"א, עשרת הדברות פרקא קמייתא), 'אמר לו הקדוש ברוך הוא צא כל העולם כולו שלך, שכל העולם ומלואו לא נבראו אלא בשביל תורה שנאמר (שם, שם) אם לא בריתי יומם ולילה חוקת שמים וארץ לא שמתי'.

א נענטערע קשר מיטן אויבערשטר מער ווי דעם, און דאס איז די סיבה פארוואס מען געפונט זיך אויף די וועלט[ג].

און טאקע דערפאר וויל דער אויבערשטער עס זאל קומען מיט יגיעה און שוועריקייטן, עפעס אנדערש דארף ער נישט, עבודה או יגיעה דאס האט שוין דער אויבערשטער גענוג אויף יענע וועלט, און דייקא אונזער עבודה דאס איז גורם די עיקר תענוג פארן אויבערשטער אויף די וועלט.

בפרט די טייערע בחורי קודש, וואס געפונען זיך אין ישיבה, אין די יארן וואס א מענטש בליעט און וואקסט אויף, עס איז דא אסאך פארשידענע זאכן וואס מען וואלט געקענט טון אין די יארן, אבער מען נוצט אויס די יארן צו זיצן און לערנען, פארשאפט עס די גרעסטע תענוג און נחת רוח פארן אויבערשטער.

און די זעלבע זאך איז פארן מענטש אליינ'ס וואס לערנט און איז זיך מייגע בתורה, טראץ וואס במשך די יאר גייט מען אריבער פארשידענע שוועריקייטן, מען געפונט זיך אין גלות, און מען איז ארומגענומען מיט זאכן וואס שטערן צו לערנען און שטייגן, אבער ווען מען קוקט אויף די אלגעמיינע בילד, און מען זעט ווי סאך מען איז געשטיגן, פארשאפט דאס א מורא'דיגע תענוג, מען זעט ווי מען האט משנה צורה געווען, און מען איז זוכה צו שפירן די זיסקייט פון די תורה, לחזות בנועם ה'.

און מען זאגט נאך א מימרא פון צדיקים, אויב א רשע וואלט געוואוסט די תענוג וואס א איד האט פון לערנען תורה, וואלט ער איבערגעלאזט אלע תענוגי עולם הזה, און וואלט זיך גענומען לערנען, כדי צו קענען שפירן די מורא'דיגע זיסע תענוג פון לערנען תורה, און ווי עס איז

ג וראה בצמח צדק (מאמר מחשבתו של הקב"ה) שכתב בתו"ד וז"ל, 'מעתה כשאדם לומד תורה שהיא מחשבתו של הקב"ה, או מדבר דברי תורה ותפילה בכוונה או עושה מצוה, הריהו מתייחד באמצעות דברים אלו עם הקב"ה, כיוון שהם המחשבה הדיבור והמעשה של הקב"ה ובהם הוא משרה את הקב"ה בעולם, וזו משמעות המושג ד' אמות של הלכה, במובן של הליכה כיוון שכך הוא מוליך ומשרה את הקב"ה בעולמו'.

ידוע די מורא'דיגע ווערטער פונעם אור החיים הק'[ד] **'אם היו בני אדם מרגישים במתיקות ועריבות טוב התורה היו משתגעים ומתלהטים אחריה, ולא יחשב בעיניהם מלוא עולם כסף וזהב למאומה, כי התורה כוללת כל הטובות שבעולם'.**

ווייל דורכדעם וואס א מענטש איז זוכה צו משיג זיין השגות בתורה, און ער זעט ווי ער איז געשטיגן, מיט די השגה גייט ער אריין אין די 'עולם התענוג', מען איז זוכה צו שפירן די אמת'ע מקור חיים, וואס קומט פונעם אויבערשטן אליינ'ס, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק[ה] **כִּי עִמְּךָ מְקוֹר חַיִּים בְּאוֹרְךָ נִרְאֶה אוֹר.**

## השגות בתורה

ווען כלל ישראל זענען געשטאנען בשעת מתן תורה, און דער אויבערשטער האט געזאגט די ווערטער 'אנכי ה' אלקיך' האבן זיי באקומען די כח און השגה צו קענען מקבל זיין די תורה, טראץ וואס זיי האבן קיינמאל פארדעם נישט געלערנט. וויבאלד דאס איז געקומען פון די השתוקקות וואס כלל ישראל האט געהאט צו מקבל זיין די תורה.

און עס איז נישט בלויז געווען אז דער אויבערשטער האט איבערגעגעבן די עשרת הדברות, דער אויבערשטער האט זיך אראפגעלאזט צו כלל ישראל, ווי א חתן צו זיין כלה, און גערעדט מיט די שפראך וואס כלל ישראל פארשטייט.

נאכמער שטייט אין חז"ל[ו] אז בשעת מתן תורה האט דער אויבערשטער איבערגעגעבן פאר משה רבינו 'כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש',

---

ד פרשת כי תבא כו, יא.

ה תהלים לו, י.

ו ויקרא רבה, כב, א.

יעדע חידוש וואס איינע פון אונז וועט מחדש זיין, איז שוין איבערגעגעבן געווארן פאר משה רבינו בשעת קבלת התורה.

דאס הייסט, אז יעדער איינער פון אונז האט אין זיך די כח און שייכות צו השגת התורה, די לערנען און מחדש זיין חידושים דאס איז א חלק פון די תורה וואס איז אונז געגעבן געווארן ביי הר סיני.

דאס איז די נקודה אין וואס אונז דארפן זיך מתבונן זיין, וואס עס איז געווען די מצב פון כלל ישראל בשעת מתן תורה, די אידן זענען דורכגעגאנגען די ביטערע גלות מצרים, זייענדיג פארזינקן אין די שערי הטומאה, און האבן ניטאמאל געהאט די תורה זיך צו מחזק זיין און זיך האלטן נאנט מיטן אויבערשטער. זיי האבן דורכגעמאכט די עבודת הגלות מיט די ריינע אמונה וואוסנדיג אז דערמיט פארשאפן זיי א תענוג פארן אויבערשטער, און פארשאפן א נחת רוח לכבודו יתברך שמו.

דערנאך איז געקומען יציאת מצרים, דער אויבערשטער האט אויסגעלייזט כלל ישראל בזרוע הנטויה, און ארויסגענומען מכור הברזל, און זיי אפגעשיידט פון טומאת מצרים, און עס האט זיך אנגעהויבן די עבודת ההכנה צו מקבל זיין די תורה.

ווען אידן זענען געשטאנען מוכן ומזומן ביי מעמד קבלת התורה, נאכן זיך גרייטן מיט די גרויסע הכנה צו קענען מקבל זיין די תורה, האט זיך געעפנט פאר זיי די שערי אורה, דער אויבערשטער האט אנגעהויבן צו גיסן אויף זיי השגות בתורה בלי גבול וערך.

די גאנצע הארעוואניע וואס זיי האבן דורכגעמאכט די אלע יארן אין מצרים, האט זיך צוריקבאצאלט בכפלי כפליים, דער אויבערשטער האט זיי געגעבן די תורה, און פון גרויס ביז קליין האבן משיג געווען די תורה אויף די העכסטע פארנעם וואס איז נאר שייך.

און דאס איז אלץ געווען פאר אידן וואס זענען ביז נישט לאנג צוריק געווען אייגעטינקן אין קליפת מצרים, זייענדיג איינגעזינקן כמעט אין נ' שערי טומאה, און האבן קיינמאל נישט געלערנט קיין תורה. אבער בשעת מתן תורה האט זיי דער אויבערשטער געעפנט די הערצער, און

אלע האבן זוכה געווען צו מורא'דיגע הויכע השגות אין תורה.

דערפון לערנט מען זיך ארויס, אז א מענטש קען זוכה זיין צו דערגרייכן השגות וואס זענען בכלל נישט לפי זיין ערך און לויט די מדריגה וואו ער האלט, דער אויבערשטער איז דער וואס מאכט אים אויף די שערי חכמה ובינה, און ער איז דער וואס איז משפיע פארן מענטשן צו קענען מקבל זיין די הויכע השגות.

**"א מענטש קען זוכה זיין צו דערגרייכן השגות וואס זענען בכלל נישט לפי זיין ערך און לויט די מדריגה וואו ער האלט"**

## האדם התחתון הוא דוגמת צורה עליונה

אין אריז"ל טרעפט מען מורא'דיגע ווערטער[ז], ווי אזוי עס גייט צו די קשר פון א מענטש צום אויבערשטן, בשעת ווען מען לערנט, און מען זאגט ארויס פון מויל די הייליגע ווערטער פון תורה, וזה לשון קדשו:

**כי האדם התחתון הוא דוגמת צורה עליונה, ופיו כפה העליון ועיניו כעיני העליון, וכאשר יתעורר למטה ככה יתעוררו למעלה** וכו', **וכאשר האדם יכוין בביטוי שפתיו לגלות אור עשר דבינה להמשיכם ממלכות עליונה שבבינה שהוא הפה, אל מלכות התחתונה דבור, אין ספק שיאירו אור, והרי הוא מוסיף כח בעליונה, כי כמו שהוא מוציא קול ודבור, כן יתעוררו עשר שבפה עליונה, להוציא קול ודברו מחודש באור נפלא, ויאירו בשבעת הנרות, ויחליפו כח באור גדול נפלא** וכו'.

**"כי האדם התחתון הוא דוגמת צורה עליונה, ופיו כפה העליון... וכאשר האדם יכוין בביטוי שפתיו... אין ספק שיאירו אור, והרי הוא מוסיף כח בעליונה... ויאירו בשבעת הנרות, ויחליפו כח באור גדול נפלא"**

דאס הייסט אז ווען א מענטש לערנט די תורה, האט ער נישט קיין השגה וואס

---

ז שער מאמרי רשב"י, בביאורו לזוהר הק' פרשת בראשית דף י:

ער טוט אלץ אויף, ער האט נישט קיין השגה ווי ווייט זיין כח גייט, ווען עס איז געקומען צו מתן תורה און כלל ישראל האבן געהערט די קול ה', זענען זיי אנגעקומען צו א מדריגה פון 'נפשי יצאה בדברו', זיי האבן אליינ'ס נישט געוואוסט וועלכע כח זיי פארמאגן.

**"ווען א מענטש באשלוסט ביז ווי ווייט ער קען אנקומען און משיג זיין, איז דאס די גרעסטע טעות אין זיין לעבן, עס פאלט אים נישט איין אז ער קען אנקומען אסאך ווייטער"**

ווען א מענטש באשלוסט לויט זיין שכל און פארשטאנד ביז ווי ווייט ער קען אנקומען, ער איז מחליט ביז ווי ער קען משיג זיין, איז דאס די גרעסטע טעות אין זיין לעבן, עס פאלט אים נישט איין אז ער קען אנקומען אסאך ווייטער, ווייל דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט די כוחות אין א מענטש צו קענען משיג זיין און אנקומען צו מורא'דיגע מדריגות אסאך מער וויפיל ער מיינט.

## יעדער האט די כח

די גמרא פארציילט[ח] ווען 'חזקיהו מלך יהודה' האט געוואלט צוריק ברענגען די תורה צו כלל ישראל, האט ער אוועקגעשטעלט א שווערד ביים טיר פון בית המדרש, און אויסגערופן אז דער וואס וועט נישט נישט עוסק זיין בתורה, ווערט געשטאכן ווערן מיט א שווערד.

זעצט פאר די גמרא, מען האט בודק געווען אין אלע שטעט פון 'דן' ביז 'באר שבע', און מען האט נישט געפונען קיין איין עם הארץ, מען האט בודק געווען אין אלע שטעט פון 'גבת' ביז 'אנטיפרס', און

ח סנהדרין צד: 'אמר רבי יצחק נפחא, חובל עול של סנחריב מפני שמנו של חזקיהו שהיה דולק בבתי כנסיות ובבתי מדרשות. מה עשה, נעץ חרב על פתח בית המדרש ואמר, כל מי שאינו עוסק בתורה ידקר בחרב זו, בדקו מדן ועד באר שבע ולא מצאו עם הארץ, מגבת ועד אנטיפרס ולא מצאו תינוק ותינוקת, איש ואשה, שלא היו בקיאין בהלכות טומאה וטהרה'.

מען האט נישט געפונען קיין קינד, מאן אדער פרוי וואס זענען נישט געווען בקי אין די שווערע הלכות פון טומאה וטהרה.

ווען מען פראבירט ווען צו טראכטן היינטיגע צייטן אויב מען וואלט ווען געוואלט איינפירן אז מען זאל לערנען מיט קליינע קינדער משניות טהרות, וואלט מען געזאגט אז דאס איז אוממעגליך צו באווייזן, עס איז נישט מעגליך זיי זאלן דאס קענען.

אבער פון די גמרא זעט מען אז חזקיהו המלך האט דאס באוויזן, און געוויזן עס איז יא שייך במציאות אזא זאך, ווייל דער פשט דערפון איז, דער אויבערשטער האט געגעבן די תורה פאר כלל ישראל, און אריינגעלייגט אין יעדע איד די כלים און כוחות צו קענען משיג זיין און פארשטיין די תורה[ט].

און אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל[י], איידער די תקנה פון ר' יהושע בן גמלא וואס האט מתקן געווען אז מען דארף אוועקשטעלן מלמדי תינוקות אין יעדע שטאט, האט מען געברענגט די קינדער קיין ירושלים לערנען תורה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק[יא] כי מציון תצא תורה, און דארט זענען אויסגעוואקסן די הייליגע גרויסע תנאים און אמוראים.

טראץ וואס עס האט נישט קיין הסבר על פי שכל ווי אזוי מען האט געלערנט מיט אזויפיל קינדער אין ירושלים עיה"ק, ובפרט אז זיי זענען געווען אזוי ווייט אוועק פון זייערע עלטערן און שטיבער וואס נארמאל שטערט דאס צום לערנען פאר אינגע קינדער, נאר וויבאלד מען איז זיך געפונען אין ירושלים האט זיך די קאפ געעפנט, מען האט נישט גערעדט צו זייער גופים, מען האט גערעדט צו זייערע נשמות,

ט דאס איז געווען די כח פון חזקיהו המלך וואס האט געהאט אין זיך די נשמה פון משיח (עיין סנהדרין צד.), וואס משיח האט א נשמה כללית, דורכדעם האט ער געהאט די כח צו עפענען די קעפ פון כלל ישראל, זיי זאלן קענען לערנען און פארשטיין די תורה, און דאס גייט זיין לעתיד לבא ווען משיח וועט קומען, און וועט געבן די כח פאר יעדע איד אין כלל ישראל צו משיג זיין תורה ה' בלי גבול ושיעור.

י בבא בתרא כא.

יא ישעיהו ב, ג.

און מען האט געקענט משיג זיין די תורה וואס ליגט אינעווייניג אין די נשמה פון יעדע איד.

עס איז נישט פשט אז דער אויבערשטער האט זיי געגעבן א אנדערע קאפ, נאר דאס איז געווען די זעלבע קאפ פון אנדערע, און די זעלבע קעפ וואס זיי האבן געהאט פון פריער, און עס קומט אונז צו וויזן אז עס איז נישט קיין חילוק צו מען איז יונג אדער אלט, מען דארף פשוט אויסנוצן די קאפ, זיך מייגע זיין און אזוי קען מען משיג זיין תורה.

עס שטייט אין חז"ל[יב], איידער א קינד ווערט געבוירן, לערנט מען אים אויס כל התורה כולה, ער האט שוין אין זיך די השגה פון די גאנצע תורה, אבער כדי ער זאל זיך דארפן מוטשען און זיך מייגע זיין, פארגעסט ער וואס ער האט געלערנט און דארף אנפאנגן פון דאסניי, אבער אינעווייניג פארמאגט ער שוין די כח און השגה פון תורה, ער דארף נאר ארבעטן דאס ארויסצוברענגן.

דער 'תולדות יעקב יוסף' ברענגט[יג], אז די גרעסטע גיהנם אויף יענע וועלט וועט זיין, ווען מען וועט אריינגיין אין גן עדן, מען וועט זעהן ווי די צדיקים לערנען תורה מיט א מורא'דיגע התגלות אלוקית, און מען וועט נישט קענען פארשטיין און מיטהאלטן די תורה וואס די זיי לערנען.

ווייל דער אויבערשטער האט געגעבן פאר יעדעם איינעם די כח צו לערנען און פארשטיין די תורה, ווען זיי וואלטן זיך געמוטשעט וואלט זיי דער אויבערשטער אויך געגעבן די כח און השגה צו פארשטיין די תורה, ווייל דער אויבערשטער האט בדווקא געוואלט מען זאל זיך

---

יב כדאיתא בגמרא נדה (ל:), 'אלו ירחי לידה, שמלמדין אותו כל התורה כולה וכו', וכיון שבא לאויר העולם, בא מלאך וסטרו על פיו, ומשכחו כל התורה כולה', עיי"ש.

יג וזלש"ק (פרשת בא), העולה מזה, כי אין לרשעים גיהנם יותר מאם שמכניסין אותן לגן עדן, שאין שם אכילה ושתיה ותאות עולם הזה, רק הצדיקים יושבין ועטרותיהן בראשיהם, הם שהיו פחותי הערך בעיני גסי הרוח שהיה סרוחים בעיניהם, כמ"ש וחכמת סופרים תסרח (סוטה מט:), ועתה הם בראש הקרואים ומתעדנין בתענוגי התורה והתפלה, והענג לרשעים הם נגע, שלא הורגלו בזה. ומה אם מי שלא למד ג' ימים הם מרים אצלו, מכל שכן זה שלא הורגל כל ימיו בזה שהיא עתה לו מרה מה שהוא מתוק, ושמים אור התורה לחשך בעיניהם וכו', עכ"ל, עיי"ש.

דארפן מוטשען אויף צו פארשטיין תורה, וואס דאס פארשאפט פאר אים די גרעסטע תענוג.

דעריבער ווען עס קומט דער יו"ט שבועות דארף מען זיך מאכן א חשבון הנפש, עס איז טאקע ריכטיג אז איך בין געשטיגן במשך די יאר, אבער וויפיל מער קען איך נאך אנקומען ווען איך גיי איבערלעבן דעם מעמד הר סיני דעם יו"ט. און ווען דער מענטש דערהערט דאס און גרייט זיך ווי עס דארף צו זיין געבט דאס אריין א מורא'דיגע כח פארן מענטש, ער זאל קענען זוכה זיין און משיג זיין העכערע השגות אין תורה.

## זיין גרייט צו מקבל זיין די תורה

אז מען וועט גלייבן אז מען קען משיג זיין העכער און מער, מען וועט האבן אמונה אין די ווערטער פון חז"ל, וועט מען זוכה זיין אז מען וועט קענען קונה זיין אין די יו"ט די מורא'דיגע השגות אין חכמה.

מען דארף אבער זיין גרייט צו משקיע זיין כוחות, און זיין גרייט זיך צו מתגבר זיין אויף די שוועריקייטן, אזוי ווי להבדיל איידער א מענטש עפנט א געשעפט, נאך איידער עס קומט אריין געלט, וועט ער משקיע זיין אסאך געלט, און אריינלייגן אלע זיינע כוחות, אז שפעטער ווען ער וועט עפענען די געשעפט זאל דאס שיין מצליח זיין און אריינברענגן אסאך געלט.

דאקעגן איינער וואס וועט נישט האלטן ביי משקיע זיין איידער ער עפנט די געשעפט, ווייל ער מאכט נאכנישט קיין געלט, פארשטייט יעדער איינער אז ער וועט טאקע נישט מצליח זיין, ווייל כדי צו קענען מצליח זיין פאדערט זיך די השקעה און מען זאל גלייבן אין דעם, און זיין גרייט אריינצולייגן אלע כוחות.

און עס קומט נישט אריין צו טראכטן ווער זאגט איך האב די כוחות, אפשר פארמאג איך נישט אזעלכע גרויסע כוחות, ווייל דאס איז שקר גמור, אזוי ווי דער הייליגער 'תולדות יעקב יוסף' ברענגט עטליכע

מאל[יד] איבער די 'ענווה פסולה' וואס שטערט דער מענטש צו שטייגן אין עבודת ה', סיי ווייל דאס איז עצת היצר און סיי ווייל דאס איז נישט ריכטיג.

און איבערהויפט לויט ווי מען האט אויבן גערעדט, אז ווען מען לערנט איז מען זיך מתדבק 'במחשבתו של הקב"ה', און מען איז זוכה צו די מורא'דיגע מדריגה צו זיין 'דוגמת צורה עליונה', אויב אזוי - אויב די כוחות קומען פונעם אויבערשטן - ווי איז שייך בכלל צו שטעלן הגבלות אויף די אויבערשטער'ס כוחות, דער אויבערשטער איז דאך משפיע כוחות און השגות בלי ערך ובלי גבול.

און באמת איז מען זוכה צו א מעמד הר סיני יעדע מאל וואס מען לערנט, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל[טו] אויפן פסוק[טז] **וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ, יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בְּחֹרֵב**, מה להלן באימה וביראה וברתת ובזיע אף כאן באימה וביראה וברתת ובזיע, אז יעדעס מאל וואס מען לערנט תורה דארף דאס געלערנט ווערן אזוי ווי עס איז געגעבן געווארן ביים בארג סיני.

**"יעדע מאל וואס א מענטש לערנט, חזר'ט זיך איבער א מעמד מתן תורה, און מען איז פון פריש זוכה צו די השגת התורה"**

דער עומק וואס חז"ל זענען אונז מגלה דערמיט איז, אז עס איז נישט סתם א זכר צו מתן תורה, נאר יעדע מאל וואס א מענטש לערנט, חזר'ט זיך איבער א מעמד מתן תורה, און מען איז פון פריש זוכה צו די השגת התורה וואס כלל ישראל האט זוכה געווען בשעת מתן תורה. און דער אויבערשטער איז גרייט צו משפיע זיין, ער איז גרייט אונז צו געבן די השגות בתורה, אונז דארף נאר זיין גרייט דאס צו מקבל זיין.

---

**יד** עיין בדבה"ק פרשת בראשית ד"ה ובזה יבואר, פרשת תזריע ד"ה ועוד י"ל.

**טו** ברכות כב.

**טז** דברים ד, ט - י.

# טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף

אז מען רעדט שוין דא צו טייערע בחורי קודש, וואלט איך צוגעלייגט מענין לענין באותו ענין נאך א וויכטיגע נקודה וואס פעלט אויס אויף צו מצליח זיין בתורה.

עס איז באקאנט די מעשה פון דער גרויסער גאון רבי אביש'ל פראנקפורטער זצ"ל, ווען ער איז געווארן רב אינעם גרויסן שטאט פראנקפורט, איז געווען דארט א פשוט'ער איד וואס איז ארומגעגאנגען זאגן: "יא, איך האב געוואוסט".

דער איד האט פארציילט, אלס קינד איז ער אויפגעוואקסן צוזאמען מיט רבי אביש'ל, ווען מען האט אנגעהויבן צו לערנען, האט ער געזען ווי גרויס די תורה איז, האט ער באשלאסן אז ער וועט סיי ווי נישט קענען לערנען די גאנצע תורה, האט ער אויפגעהערט צו לערנען, אבער ר' אביש'ל האט ווייטער געלערנט.

יעצט זע איך, איך בין גערעכט געווען מיטן אויפהערן לערנען - זאגט דער איד – ווייל אפילו ר' אביש'ל האט נאכנישט געענדיגט די גאנצע תורה, ער האלט נאכאלץ אינמיטן לערנען...

## פארוואס שטעלט זיך דאס אפ?

די אויבנדערמאנטע מעשה, איז א שיינע גלעכער, אבערליידער שפילט זיך עס אפ אין יעדן איינציגסטע דור, מען זעט יונגעלייט וואס אלס בחורים זענען זיי געזיצן און געלערנט, זיי האבן געהאט שאיפות צו שטייגן, זיי האבן געהארעוועט אין תורה, אבער היינט קוים וואס זיי לערנען ביינאכט דעם 'דף היומי', קוים וואס ער עפענט א ספר.

**"מען זעט יונגעלייט וואס אלס בחורים זענען זיי געזיצן און געלערנט, זיי האבן געהאט שאיפות צו שטייגן, אבער היינט קוים וואס ער עפענט א ספר"**

אפילו ווען עס קומט צו ווואילע יונגעלייט, זיי זענען טאקע פארנומען מיט חיזוק און עבודה, אבער ווען עס קומט צו לערנען איז זיין קאפ פארמאכט, ער שפירט נישט קיין טעם אין תורה, ער פילט נישט די זיסקייט אין א שטיקל גמרא, ווי אזוי איז דאס געשען? ווען האט זיך זיין קאפ פארמאכט? פארוואס קען ער נישט לערנען?

**"ער האט זיך ערגעץ וואו אויסגעלאשן, ער האט טאקע געהאט גרויסע שאיפות צו שטייגן און מצליח זיין, אבער עס איז געווען א טאג וואס ער האט באשלאסן אז ער וועט שוין נישט מצליח זיין"**

נאר דער פשט איז, ער האט זיך ערגעץ וואו אויסגעלאשן, ער האט טאקע געהאט גרויסע שאיפות צו שטייגן און מצליח זיין, ער האט געהאט גרויסע רצונות, אבער עס איז געקומען א טאג וואס ער האט באשלאסן אז ער וועט שוין נישט מצליח זיין, לערנען איז נישט געמאכט פאר אים.

דער יצר הרע פארדרייט א קאפ, ער פראבירט אראפצושלעפן דעם מענטש, אז ער וועט שוין מער נישט אויסוואקסן, די תורה איז צו גרויס פאר אים, אזוי ווי ביי די אויבנדערמאנטע מעשה, ער האט באשלאסן 'דאס איז דאס' עס איז נישט געמאכט פאר מיר.

דער באשלוס, דאס האט אים אוועקגעלייגט, דערמיט האט ער פארשפארט זיין קאפ, ווען מען וועט אים זאגן דער פסוק (תהילים יט, ט) **פִּקּוּדֵי ה' יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב**, די תורה דאס געבט שמחה פאר א מענטש, וועט ער נישט פארשטיין וואס מען וויל פון אים, ער ווערט נישט צופרידן פון תורה, דאס איז אלעס וויבאלד ער האט מחליט געווען אז תורה איז נישט פאר אים.

די קונץ צו מצליח זיין, און ווייטער ממשיך זיין די הצלחה, איז דורכדעם וואס מען גלייבט אין זיך, מען גלייבט אז מען פארמאגט די כוחות, ער פארשטייט אז ער קען זוכה זיין צו מורא'דיגע השגות וואס ער קען ניטאמאל חלומ'ן אז ער קען אנקומען דערצו.

ווייל ווען עס איז דא א אמת'ע 'קבלה בלב', מען האט די ריכטיגע קבלה צו מצליח זיין, געבט דער אויבערשטער אריין די כוחות אז מען זאל קענען טאקע ערפילן די שאיפות, און אנגעקומען אסאך העכער פון וואס מען מיינט.

## טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף

דא קומט אריין א וויכטיגע נקודה, וואס איז זייער וויכטיגע בפרט פאר טייערע בחורי קודש, וואס זיצן און לערנען, און פארמאגן די גרויסע שאיפות צו שטייגן און מצליח זיין אין תורה.

די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (דף ז' ע"א) משה רבינו האט געפרעגט דער אויבערשטער הוֹדִעֵנִי נָא אֶת דְּרָכֶךָ (שמות לג, יג), און די גמרא ערקלערט, משה רבינו האט געבעטן דער אויבערשטער זאל אים מגלה זיין: "למה יש צדיק ורע לו, ויש רשע וטוב לו", פארוואס זען מען אז עס איז פארהאן א צדיק וואס דינט דעם אויבערשטן און עס גייט אים שלעכט, פון די אנדערע זייט זעט מען א רשע וואס גייט אים גוט.

**"מענטשן ווערן זייער נשפע און איבערגענומען פון וואס מען זעט, בפרט יונגע בחורים, מען זעט ווי מען געבט כבוד פאר געלט, מען זעט ווען מען איז מכבד, און אויף ווען מען קוקט ארויף, און דאס איז זייער משפיע"**

די מפרשים זענען זייער מאריך אין די קשיא וואס משה רבינו האט געפרעגט דעם אויבערשטן, עס ליגט אין דעם גאר הויכע ענינים עמיקין וטמירין, אבער די קשיא וואס משה רבינו האט געפרעגט דעם אויבערשטן, איז זייער נוגע פאר אונז, די קשיא איז זייער א סכנות'דיגע קשיא, בפרט פאר יונגע בחורים וואס האלטן אינמיטן די לעכטיגע יארן וואס מען פאנגט אן צו בליען און וואקסן די לעבן.

מענטשן ווערן זייער נשפע און איבערגענומען פון וואס מען זעט, בפרט יונגע בחורים, מען גייט ארום צו צדיקים און חצרות, מען שעפט יראת

שמים, אבער דערצו איז דא באהאלטן א גרויסע סכנה מען זאל נישט נשפע ווערן פון וואס מען זעט, מען זעט ווי מען געבט כבוד פאר געלט, מען זעט וועמען מען איז מכבד, און אויף וועמען מען קוקט ארויף, און דאס איז זייער משפיע.

מען פאנגט אן צו פרעגן 'טוב לו', עס איז יענעם גוט, ער באקומט כבוד, מען קוקט אים ארויף און מען איז אים מכבד, און עס גנב'ט זיך אריין אין קאפ מחשבות, אפשר זאל איך אויך באקומען אביסל פון די 'טוב'.

עס איז טאקע ריכטיג, מען האט נישט קיין ברירה, א פלאץ איז אנגעוויזן אויף עשירים, מען מוז עס טון, אבער עס ליגט אין דעם א גרויסע פראבלעם וואס האט שוין ליידער אויסגעלאשן אסאך ליכט, מען ווערט איבערגענומען פון וואס מען זעט, און עס לייגט אוועק די אלע מורא'דיגע שאיפות און רצונות וואס מען האט.

**"עס ליגט אין דעם א גרויסע פראבלעם וואס האט שוין ליידער אויסגעלאשן אסאך ליכט, מען ווערט איבערגענומען פון וואס מען זעט, און עס לייגט אוועק די אלע מורא'דיגע שאיפות און רצונות"**

נישט חלילה, אז עס איז 'רשע וטוב לו', נישט ווייל יענער האט געלט און באקומט כבוד, מיינט אז ער איז א רשע, אבער די מושג אז תורה דאס איז די עולם התענוג, עס איז נישט פארהאן קיין בעסערע זאך אויפן וועלט ווי תורה, דאס איז עפעס וואס ווערט פארבלענדעט ווען מען זעט אזעלכע זאכן.

טייערע בחורים! איך בין עלטער פון אייך, איך האב שוין אסאך געזען, איך קען אייך זאגן איין זאך, שלמה המלך, דער קעניג און דער קלוגסטער מענטש פון די גאנצע וועלט, ער האט געהאט

**"טייערע בחורים! איך בין עלטער פון אייך, איך האב שוין אסאך געזען, איך קען אייך זאגן איין זאך, עס קען אסאך מאל אויסזען זייער גוט, אבער אינ'אמת'ן אלעס וואס מען זעט אויפן וועלט, איז 'הבל הבלים', אזוי ווי שלמה המלך זאגט אין קהלת"**

אלעס אויפן וועלט, און ער זאגט ביים סוף פון זיין 'קהלת' (יב, ח) "הֲבֵל הֲבָלִים אָמַר הַקּוֹהֶלֶת הַכֹּל הָבֶל!"

אלעס וואס מען זעט אויפן וועלט, איז 'הבל הבלים', עס קען אסאך מאל אויסזען זייער גוט, אבער דער אמת'ע תענוג איז נאר פונעם אויבערשטער, און דער תענוג האמיתי איז דארט וואו דער אויבערשטער געפונט זיך, דאס איז ווען מען לערנט תורה, מען האלט זיך שטארק, און מען ווערט נישט נתפעל פון אלעס וואס מען זעט, דעמאלטס האט מען דער ריכטיגער תענוג, און דעמאלטס איז מען זוכה צו לעבן א גליקליכער לעבן.

אלעס אנדערש איז טאקע נישט שלעכט, מען דארף דאנקן דער אויבערשטער אז ער געבט השפעות, אבער נישט דאס געבט א תענוג פארן מענטש, און מען טאר נישט פארבלענדט ווערן, בפרט אין די בחור'ישע יארן וואס די עיקר דגוש דארף זיין זוכה צו זיין צו תענוג ה' דורך תורה און תפילה, און דורכדעם וואס מען לערנט, איז מען זוכה צו שפירן א טעם אין די לעבן, די גאנצע מהלך החיים טוישט זיך.

זאל דער אויבערשטער העלפן, בזכות דעם וואס מען האלט זיך, מען וויל נתעלה ווערן, מען גלייבן אין זיך אז מען קען אויסוואקסן א גדול בישראל, און מען ווערט נישט נתפעל פון וואס מען זעט ארום אין ארום, וועט דער אויבערשטער העלפן אז מען וועט טאקע אויסוואקסן לשם ולתפארת, זוכה זיין צו א קבלת התורה אמיתית, און זוכה זיין צו מקבל זיין השגת התורה, און אויסוואקסן לעכטיגע תלמידי חכמים מופלגים, ביז מען וועט זוכה זיין בביאת גואל צדק במהרה בימינו, אמן.

בעזהשי"ת

מכון שפה ברורה

שע"י חסידי קאסוב

להוצאת דברי אלקים חיים של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בס"ד

# מודעה חשובה לקראת ימי הקיץ

הננו בזה להודיע

## לכל אלו שמעוניינים לקבל את הגיליונות

### במקום שהותם במשך ימי הקיץ

## ב'קעמפ' או 'קאנטרי'

שעלה בידינו לסדר עבור מחיר זול של $18 לכל ימי הקיץ
שישלחו עליכם הגליונות שיצאו לאור במשך ימי הקיץ

**מי שמעוניין בזה ניתן להתקשר להמערכת**

בקו 'קול קאסוב'

## 718-682-2004 #100

**ולהשאיר הודעה מפורטת**

עם שמם, מעילינ"ג אדרע"ס, ו'קרעדיט קארד'

*הנהלת מכון שפ"ה ברורה*

Mechon Safa Berura ▪ 1353 55 Street Brooklyn N.Y. 11219 ▪ 917 686 5892 ▪ Toraskosov@gmail.Com